# תקנה לסעודת

Amsterdam, [5]469 [i.e. 1709]

Copy held at British Library, London

Shelf mark 1982.b.1(4)

YidNed 169

1 broadsheet

Transcription:
Ronny Reshef & Mirjam Gutschow
2023
Copied into text file:
2024

Version 2023
Transcribed using Transkribus
doc 1441962

# תקנה לסעודת

**תקנה**

וועלכי גימאכט איז גיווארן על ידי אלופים קצינים ורוזנים פרנסים וגבאי
צדקה מנהיגי קהלתינו יצו . בצירוף . מורינו ורבינו הגאון הגדול אב״ד
ור״מ נר״ו : יום א' ערב ר״ח תמוז בפ״ת לפ״ק :[1]

**מאחר**

דאש איין (חרם מקדמונים) איז גיוועזן (מחמת תקנה
לסעודת חתנה וברית מילה) . וויא פיל מן ברייאן זאל . אונ'
פיל לייט האבין (עובר) גיוועזן אונ' איין אין בראך גימאכט מיט איין
נאך צעטיל לאזין ברייאן דורך יונגש אודר סרבר :

**בכן**

איז גוט גיפונדן גיווארן (אצל אלופים קצינים פרנסים וגבאי
צדקה מנהיגי קהלתינו יצ״ו) . (ובצירוף הגאון הגדול אב״ד
ור״מ דקהלתנו יצ״ו) . (שיהא לחוק ולא יעבור) דש (מהיום והלאה
יהיה מי שיהיה) דער איין חתנה (תוך קהלתנו יצ״ו) מאכן ווערט זאל
ניט מער דארפין ברייאן . (משני צדדים אלש שלשים בעלי בתים .
איש ואשה בן ובת) אונ' ווען איין (חתן וכלה) אין הויז איז . מאג מן
(גם כן) מיט ברייאן . (חוץ אבין ואמו אחיו ואחיותיו בניו ובנותיו)
אונטר פירן מייאן פירן זיינן (חוץ מספר הנ״ל עם כל בני ביתם) .

**גם**

(אב״ד דיינים חזנים שמשים סופר מלמדים ספרדי' ואורחים)
מאג מן ברייאן (חוץ למספר הנ״ל) . אונ' איין אלמן אונ' אלמנה
מאג מאן ברייאן מיט דען (בעל הבית) . אבר ווען מאן זיא (לבד)
ברייאן וויל זוא זיין זיא (ג״כ) במספר . אונ' וואו קיין (כל ב״ב) אין
הויז גיברייאט ווערט דארף (משרת או משרתת) ניט גיברייאט ווערן
אודר מוזט איין (קרוב או קרובה ש״ב) פון דען (בעל סעודה) זיין .
זוא מעג יוא גיברייאט ווערן (חוץ למספר הנ״ל) :

**ולסעודת**

(ברית מילה) דארף מן (לא יותר) ברייאן אלש
(חמשה עשר ב״ב חוץ המוהל והסנדק אביו ואמו בניו
ובנותיו ואחיו ואחיותיו) זיין ניט אין מספר ט״ו הנ״ל : (גם אב״ד
דיינים חזנים שמשים סופר מלמדים ספרדי' ואורחים) זיין (ג״כ)
ניט אין (מספר ט״ו הנ״ל) איין (מלמד) היישט ניט אנדרש אודר דר
(תורה) גיט לערנן . אונ' זיין (עיקר הכנסה) איז פון זיין (לימוד

[1] Broadsheet in two columns. The first starting with “מאחר” and the second with “ברייאן (בקנס הנ״ל)”. No final line over whole width, ornament instead.

תורה) . אבר דער שרייבן אונ' לייאנן גיט מיט קינדר איז יוא אין
(מספר) :

**ועל**
הסבֿלונותֿ דארף מן קיין סעודה מאכֿין (אם לא פֿר אבֿיו ואמו
אחיו ואחיותֿיו ובנים של בעלי סעודה ואורחים) אונ' מחותנים
דיא מן פֿון דרושין מיט ברענגט . אונ' ווער דא ווערט (עובֿר) זיין אונ'
מער ברייאן על הסבֿלונות צו דער (סעודה) אלש גימעלט איז . זאל
פֿר אידר איינם צעהן גילדן קנס געבן . אונ' ווער דא ווערט עובֿר זיין
אונ' (על החתֿנה או בריתֿ מילה) מער ברייאן אלש גימעלט איז (הן)
מונטליך (או ע״י משרתֿ או שליח) אודר סרבֿר (יהיה מי שיהיה) זוא
ווערט מן דען זעלבגן (עשרה זהובים) קנס איין ליגין פֿר אידר איינם
דעם ער מער גיברייאט האט . אונ' דען ברייא צעטיל מוז דער שמש
דער גיברייאט האט אן דען (פרנס החודש) . איבר געבן . אונ'
(אלופים קצינים פרנסים וגבאי צדקה) ווערן (השגחה פרטיותֿ)
דרויף האבן אונ' לייט דער צו שטעלין דיא אין (חתֿנה) הויז (או על
בריתֿ מילה פתֿאום) גין ווערין מיט דען ברייא צעטיל אלי דיא
זעלבגי דיא גיפֿונדן ווערן . (על החתֿנה או על בריתֿ מילה) . דיא ניט
אויף דען צעטיל שטין ווערט מן (נאטירין) אונ' דער (בעל סעודה)
ווערט פֿר אידר איינם (צעהן גילדן קנס לצדקה) . מוזין צאלין אונ' מן
ווערט דען זעלבגין (חתֿן) ניט אין (קהל) איין נעמין (עד) ביצאלט
איז . אך דארף מן קיין סרבֿר לגמרי קיין ברייא צעטיל געבין אום צו
ברייאן (בקנס הנ״ל) . אונ' וועלכֿר סרבֿר ווערט יוא ברייאן ווער
מן אים קנסין אום (שני ר״ט) אונ' ווייטר בייא קיין (בעל הביתֿ) קיין
סרבֿר דארפֿין זיין . אונ' מן ווערט קיינם פֿר שונין (יהי' מי שיהי') :

**גם**
ווער איין (חבֿרה חתֿנה או בריתֿ מילה) מאכֿן דארפֿן זיא (ג״כ
לא יותֿר) ברייאן אלש (כנ״ל) גלייך אלש ווען איין (בעל הביתֿ
חתנה או בריתֿ מילה) מאכֿט . אבר (גבאים ורבי ושמש זיין
חוץ למספר :

**על כן**
זאל אידרר נזהר דא אן זיין . אונ' שמשים מוזן זעלברט ברייאן :

**גם**
זאל איין קוואטיר אודר מאיין פֿירן ניקש צו בעשטין געבן (אפֿילו
מן החבֿרה) . קוואטיר אודר מאיין פֿירן לגמרי ניקש צו געבן
זייא וואש עש ווייל (בקנס חמשי זהובֿי') :

**אך**
זאל דער מייאן פירן קיין געלט איין דעם ווייץ טאן דש (חלילה)
קיין (מכֿשול) דער פֿון קומן זאל .


Mirjam Gutschow & Ronny Reshef, 2024; version 2023

**גם**
זאל איין קוואטיר אודר מוהל קיין פֿארטיל דארפֿין געבן (על
ברית מילה בקנס חמשים זהובי') :

**גם**
זאל מן קיינם דארפֿין שענקין . (ביום שבת קודש בלילה כיומו
חוץ לאב״ד דמתא או לאב״ד מובהק מקהילה ממפורסמת) אודר
איין (בעל הבית) דער איין הויז לחלוטין גיקאפֿט האט מאג מן שענקן
אבר זונשט קיינם (אפילו לחתן וכלה) :

**גם**
וועו איין (חתן או בר מצוה) יונג אויף גירופֿין ווערט זאלין דיא
ווייבר ניט דארפֿין פֿון איר שטאט גין אין (שול) אום (מזל) צו
ווינשן (הן קרובים אודר פֿרעמד יהי' מי שיהי') . קיינר פֿון איר
שטאט צו גין אום מזל צו ווינשן (בקנס הנ״ל) :

**גם**
דארף מן אם פורים (לא יותר משלוח מנות) שיקן אלש לאביו
לחמיו ולבניו ולחתנותיו ולשלשה בעלי בתים אב״ד דקהלתינו יצו
ולא יותר גם כן בקנס עשרה זהובים הנ״ל :

**גם**
זאלין דיא ווייבר ניט אין שול ארום גין וועו זיא קוואטיר שאפֿט
אודר מייאן פֿירן האט אונ' זאגן גיט מיט אהיים :

**גם**
איז מחדש אויף גיקומן איין (מנהג) . וועו איין פֿרויא איין קינד
בעט קומט אודר איין זון ווערט איין חתן אודר איין טאכֿטר ווערט
איין כלה שיקן זיא ארום מיט איין צעטיל אום ווישן צו לאזין וועלכֿש געלט
קאשט אונ' איין (טרחא יתירה) איז (בכן) זאל זעלכֿש מהיו' והלאה
ניט גישעהן . (בקנס עשרה רט לצדקה) . אונ' מן ווערט קיינם פֿר
שונין יהיה מי שיהיה :

**אויך**
איז גבלייבן דש קיין (חתן) זאל מער (מתנות) אן הכלה
מעגן געבן אלש צעהן פֿון דיא מאה פֿון זיין נדוניא (דהיינו) פֿון קנס ליגן
ביז נאך דער חופה דארפֿן דיא (מתנות בין הכל לא יותר) אן טרעפֿין
אז (יוד פערצענט) פֿון זיין (סך נדן) דיא ער קריגט . אונ' ווער
דא ווערט (עובר) זיין אונ' יותר געבן זאל מוזין פֿופֿציג רייכֿש טאליר
(קנס לצדקה) גגעבן (בלי הנחה) אונ' מן ווערט דעם זעלבגין חתן
(עולמית) ניט אין (קהל) לאזן קומן אונ' זיין (חמשים ר״ט) ווערט
ער דאך מוזין צאלין זונדר איינגי אין ריד אודר תירץ בעולם :

וכל השומע יונעם ויבא עליו ברכת הטוב


Mirjam Gutschow & Ronny Reshef, 2024; version 2023

☜ וכל השומע יונעם ויבא עליו ברכת הטוב ☞